Cityscapes



ניויאָרק
אין
פערזען
אַנטאָלאָגיע
צוזאַמענגעשטעלט פון
מאַני לייב






Moses Rischin, The Promised City: New York Jews, 1870-1914

2nd ed. Harvard University Press, 1977.




MORRIS ROZENFELD

(1862-1923)

[also: Morris Rosenfeld, Moyshe-Yankev-Alter Rozenfeld]

Born in the village Boshka, Suvalk district, Jewish Lithuania, then in Russia close to the German border. His father was a tailor for the Russian army. Lived in Suvalk, studied in heder. After his marriage, lived with his in-laws and studied Talmud. Also learned German, Polish, read modern Hebrew literature and Yiddish poetry. From the age of 15, he wrote Yiddish poems. In 1882 visited America, returned to his parents who had moved to London, where he worked as a tailor, lived in dire poverty, and was drawn to the anarchists. In 1886, settled in America, worked in New York tailor shops as a handworker and then as a presser. Began publishing socialist propaganda poetry that found an admiring audience among the Jewish workers. His poems were sung in shops and at assemblies. From working as a presser, he became ill; tried to earn a living by singing his songs and selling his books. After his third book, 1897, he became famous. In 1898, Leo Wiener, Professor of Slavic literature at Harvard, translated a book of his poems, Songs from the Ghetto, into English. Translations into other languages followed, including a book in German with Berthold Feivel's translations and Lilien's illustrations and in English: Songs of Labor and Other Poems, translated by Rose Pastor Stokes and Helena Frank. Rozenfeld got a position as a journalist. In 1905 his only son died at the age of fifteen and Rozenfeld was paralyzed in half his body. His collected works were published in New York in six volumes, 1908-1910. In 1913 he was forced out of the Forverts and eventually became isolated from the new world of literature. His poems and collected writings were published in many editions in the US and in Europe and several of his poems were set to music and gained wide popularity. Rozenfeld was received in Yiddish criticism as one of the fathers of Yiddish "Proletarian" poetry, but he also wrote many national and Zionist poems, as well as personal lyrics of love and nature, and satirical verse on the human condition and the Jewish scene.



# די סוועט שאפ

עס רוישען אין שאפ אזוי ווילד די מאשינען,
אז אפטמאהל פערגעס איך אין רויש דאס איך בין;—
איך ווער אין דעם שרעקליכען טומעל פערלארען,
מיין איך ווערט דארט בטל, איך ווער א מאשין:
איך ארבייט און ארבייט, און ארבייט אהן חשבון,
עס שאפט זיך, און שאפט זיך, און שאפט זיך אהן צאהל:
פיר וואס? און פיר וועמען? איך ווייס ניט, איך פרעג ניט,—
וויא קומט א מאשינע צו דיינקען א מאהל?

נישטא קיין געפיהל, קיין געדאנק, קיין פערשטאנד גאר; —
די ביטערע, בלוטיגע ארבייט דערשלאגט
דאס עדעלסטע, שענסטע און בעסטע, דאס רייכסטע,
דאס טיעפסטע, דאס העכסטע וואס לעבען פערמאגט.
עס שווינדען סעקונדען, מינוטען און שטונדען,
נאר זעגעל־שנעל פליהען די נעכט מיט די טעג; —
איך טרייב די מאשין גלייך איך וויל זיי דעריאגען, —
איך יאג אהן א שכל, איך יאג אהן א ברעג.

דער זייגער אין ווארקשאפ, ער רוהט ניט אפילו,
ער ווייזט אלץ און קלאפט אלץ און וועקט נאכאנאנד;—
געזאגט האט א מענש מיר אמאהל די בעדייטונג:
זיין ווייזען און וועקען, דארט ליעגט א פערשטאנד;
נאר עפּוואס געדיינקט זיך מיר, פונקט וויא פון חלום; —
דער זייגער, ער וועקט אין מיר לעבען און זינן,
און נאך עפעס, — איך האב פערגעסען, — ניט פרעגט עס!
איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, איך בין א מאשין!......

און צייטענווייז ווען איך דערהער שוין דעם זייגער,
פערשטעה איך גאנץ אנדערש זיין ווייזען, זיין שפראך;—

**The Sweatshop**

The machines in the shop roar and shriek out of tune,
I forget who I am in the noisy routine; --
I get lost in the horrible roar and commotion,
My self melts away, I become a machine:
I work and I work and I work with no counting,
I create and create and create without end:
For what? And for whom? I don't know, I don't ask, --
How can a machine think at all, comprehend?

No feeling, no thought, there is no understanding; --
The bitter, the bloodiest work deals a blow
To the noblest, the best, all the finest and richest,
The deepest, the highest that life has to show.
The seconds, the minutes, the hours streak by,
Like sails disappear all the nights and the days; --
I drive the machine as if to overtake it --
I rush without reason, I rush in a haze.

The clock in the workshop ne'er knows any rest,
It points, ticks and wakes, it won't leave you behind; --
A man once explained its deep meaning to me:
Its pointing and waking, inside lies a mind;
But something occurs in my head like a dream:
The clock wakes in me life and meaning so keen,
And something beyond it -- what it is, don't ask!
I forgot, I don't know, for I am a machine!...

And often when I hear the tick of the clock,
I see all at once through its pointing, its tongue; --

מיר דאכט, אז עס נוקעט מיך דארטען דער אונ־רוה,
כ'זאל ארבייטען, ארבייטען, מעהרער, א סך !
איך הער אין זיין טאן נאר דעם באס'ס ווילדען בייזער,
זיין פינסטערען קוק אין דיא ווייזער דיא צוויי ; —
דער וייגער, מיר סקרוכעט, מיר דאכט, אז ער טרייבט מיך
און רופט מיך „מאשינע!" און שרייט צו מיר : „נייו!"

נאר דאן, ווען ס'איז שטילער דער ווילדער געטומעל,
אוועק איז דער מייסטער, אין מיטאג־צייט שטונד,
דאן פאנגט אן אין קאפ ביי מיר לאנגזאם צו טאגען,
אין הארצען צו ציהען. — איך פיהל דאן מיין וואונד ;—
און ביטערע טרעהרען, און זודיגע טרעהרען
צו ווייקען מיין מאגערען מיטאג, מיין ברויט, —
עס ווערגט מיך, איך קען ניט מעהר עסען, איך קען ניט !
א, שרעקליכע פראצע ! א, ביטערע נויט !

ס'ערשיינט מיר דיא שאפ אין דער מיטאג־צייט שטונדע
א בלוטיגע שלאכטפעלד, ווען דארט ווערט גערוהט :
ארום און ארום זעה איך ליעגען הרוגים,
עס ליארמט פון דר'ערד דאס פערגאסענע בלוט...
איין ווײלע, און באלד ווערט געפויקט א טריוואגע,
דיא טויטע ערוואכען, עס לעבט אויף דיא שלאכט,
עס קעמפפען דיא טרופען פיר פרעמדע, פיר פרעמדע,
און שטרייטען און פאלען, און זינקען אין נאכט.

איך קוק אויף דעם קאמפפ־פלאץ מיט ביטערען צארען,
מיט שרעק, מיט נקמה, מיט העלישער פיין ;—
דער זייגער, יעטצט הער איך איהם ריכטיג, ער וועקט עס :
„א סוף צו דיא קנעכטשאפט, א סוף זאל דאס זיין !"
ער מינטערט אין מיר מיין פערשטאנד, דיא געפיהלען,
און ווייזט וויא עס לויפען דיא שטונדען אהין :
אן עלענדער בלייב איך, וויא לאנג איך וועל שווייגען,
פערלארען, וויא לאנג איך פערבלייב וואס איך בין....
דער מענש, וועלכער שלאפט אין מיר הייבט אן ערוואכען,
דער קנעכט, וועלכער וואכט אין מיר שלאפט דאכט זיך
איין ;—
אצינד איז דיא ריכטיגע שטונדע געקומען !
א סוף צו דעם עלענד, א סוף זאל עס זיין !...

I feel that the pendulum prods me go on,
To work and to work, even more, fast and long!
I hear in its tone all the boss's wild anger,
His dark, gloomy look in the pointers that show; --
I fear that, relentless, the clock drives me on
And calls me: "Machine!" And screams to me: "Sew!"

But at noon, when the master goes off for his lunch,
And the terrible roar for a while does depart,
Then slowly it dawns in my head like the day,
Then I can feel my wound and the throb in my heart; --
And bitter tears fall, and boiling tears fall
To soak my dry bread, till from food I recoil –
It chokes me, I can no more eat, I can not!
Oh, harsh bitter need! Oh, terrible toil!

The workshop appears in the mid-day recess
As a battlefield bloody that rests from its flood:
All around I see lying the corpses of men,
A scream from the earth -- it is the shed blood...
One moment, and soon they sound drums of alarm,
The dead come to life, and the battle grows bright,
The troops they are fighting for strangers, for strangers,
And struggle and fall and sink in the night.

I look at the battleground, bitter with rage,
With fear, with revenge, with a hellish wild ache; –
The clock, now I hear it all right, it awakes:
"An end to the slavery, an end we must make!"
It rouses in me all my reason, my feelings,
And shows me the hours -- a stream with no dam:
I shall remain wretched as long as I'm mute,
Forlorn, the while I remain as I am...

The man who is sleeping within me awakes,
The vigilant slave falls asleep inside me; –
This is the hour, the right time has come!

נאָר פּלוצלינג — דער וויסטעל, דער באָס — אַ טרעוואָגע!
איך ווער אָן דעם שכל פערגעס, וואו איך בין, —
עס טומעלט, מען קעמפפט, אָ, מיין איך איז פערלאָרען, —
איך ווייס ניט, מיך אַרט ניט, איך בין אַ מאַשין...

And end to the misery, an end there must be!...

But suddenly -- the whistle, the boss -- an alarm!

I forget who I am in this deafening scene --

I'm losing my reason, I'm losing my self --

I don't know, I don't mind, for I am a machine...



## דער סוועט־שאַפּ

קאָרנער ווײ און עלנט שטייט אַן אַלטע הײַזל:
אונטן איז א שענקל, אויבן איז א קלײַזל.
אונטן קנעלן לומפּן אויפּטאָן נאָר נבלות,
אויבן קומען ייִדן, קלאָגן אויפֿן גלות.

אָבער העכער, העכער: אויפֿן דריטן גאָרן,
איז פֿאַראַן אַ צימער, — ווײ צו זײַנע יאָרן!
זעלטן ווען געוואַשן, זעלטן ווען גערייניקט, —
טוכלעקייט און בלאָטע זײַנען דאָרט פֿאַראייניקט.

אָט אין דיזן מקום אַרבעטן זיך פֿלײַסיק
און צופֿרידן, דאַכט זיך, בײַ אַן ערך דרײַסיק
אָפּגעצערטע מענער, אָפּגעצערטע ווײַבער,
מיט צעדריקטע גײַסטער און פֿאַרוועלקטע לײַבער.

דאָרטן גייט אַרום זיך מאָטקע פּאַרך אַ בייזער,
שפּילנדיק די ראָלע פֿון אַ גאַנצן קיסר.
ווען ער איז דער מײַסטער. און די שאַפּ איז זײַנע,
און מען מוז אים פֿאָלגן, פֿאָלגן אָן אַ טענה.

## *The Sweatshop*

Corner of Pain and Anguish, there's a worn old house:
tavern on the street floor, Bible room upstairs.
Scoundrels sit below, and all day long they souse.
On the floor above them, Jews sob out their prayers.

Higher, on the third floor, there's another room:
not a single window welcomes in the sun.
Seldom does it know the blessing of a broom.
Rottenness and filth are blended into one.

Toiling without letup in that sunless den:
nimble-fingered and (or so it seems) content,
sit some thirty blighted women, blighted men,
with their spirits broken, and their bodies spent.

Scurf-head struts among them: always with a frown,
acting like His Royal Highness in a play;
for the shop is his, and here he wears the crown,
and they must obey him, silently obey.

*Aaron Kramer*

# Yehoash

(1872–1927)



*Pseudonym of Yehoash-Shloyme Blumgarten; in English: Solomon Bloomgarden*

BORN IN VIRBALEN (WIERZBALOWO), Suvalk district, on the Polish-Lithuanian border and at that time on the Russian side of the Russian-German border. His father was well read in Jewish religious and Enlightenment literature and an early "Lover of Zion." The breadwinner was his mother, who kept a small hardware store. From the age of four, he studied in heder and with private teachers: Talmud, Bible, Hebrew, and secular Haskalah literature. At thirteen, after Bar Mitzvah, he began to study foreign languages and literatures and wrote poetry in Hebrew. Yehoash was a private Hebrew teacher for rich families. In 1890, he came to America, tried out various trades, and wrote a book of Hebrew poems (unpublished). He lived in poverty and contracted consumption; in 1900 he went to a sanatorium in Denver, where several Yiddish poets convalesced at different times (Edelshtat, H. Leyvik). With the head of the sanatorium, Dr. Chaim (Charles D.) Spivak, Yehoash authored a comprehensive dictionary of Hebrew and Aramaic expressions in Yiddish. From 1909 on he lived in New York, published poetry and essays in the international and American Yiddish press as well as several volumes of collected poetry and fables. In January 1914, he left with his family to settle in Palestine. As American citizens, they were evacuated from Eretz Israel in 1915. His memoirs of that romantic period of Jewish settlement in the Holy Land, *From New York to Rehobot and Back,* were also published in an abbreviated English translation (*The Feet of the Messenger,* 1923).

Yehoash contributed to hundreds of Yiddish newspapers and periodicals around the world (United States, Canada, Poland, Russia, Austria, Argentina, Eretz Israel, and elsewhere). Published poetry, prose, fables, essays, drama, travelogues. Translated hundreds of works from many languages (English, Russian, German, Hebrew, French, Arabic) into Yiddish, including a masterful Yiddish rendering of Longfellow's *Hiawatha,* Lafcadio Hearn's *Chinese and Japanese Legends,* Omar Khayyam's *Rubaiyat,* Merezhkovsky's *Sakya Muni,* Rostand's *Chantecler,* Byron's "Hebrew Melodies," and many more. He studied classical Arabic and translated parts of the Koran into Yiddish. His translation of the complete Bible into Yiddish, combining archaisms of the medieval Yiddish Bible translations with neologisms in the style of Yiddish modernist poetry, is one of the richest books of Yiddish literature and was the source of Marc Chagall's Bible illustrations. Many of his poems were translated into Hebrew and other languages; others were set to music. Numerous volumes of his works appeared during his lifetime, including a ten-volume new edition, published in New York in 1920–21. His later poetry and Bible translations exerted a major influence on Yiddish modernist poetry and art, especially on A. Léyeles, A. Sutzkever, and Marc Chagall.

# סאַבוועי

אַן אומגעזעהענע האַנט האָט צוגעמאַכט אַ טיר,
און איינגעשפּאַרט אַ הורבע מענשען,
טייל פאַרטונקט אויף בענק,
טייל הענגענדיג אויף ווייסע רינגען.
פאַלט דאָס קאַלכיג ליכט
אויף דינע דורכזיכטיגע פינגער
נאָר־וואָס פון דער שרייב־מאַשין,
אויף שווערע האַרטע הענט
שווייסיג פון דעם וואַרשטאַט,
און אויף פּערלמוטער הענדשקעס...
און די הורבע וויעגט זיך,
הין און הער, און הין און הער,
אין אַ מידען אויסגעלאָש'נעם ריטם,
ווי באַקלאָגענדיג אַ מת...

גיט די הורבע זיך אַ טרייסעל,
און פאַלט צוזאַמען אין אַ הויפען
פאַרגליווערט.
און די אומגעזעהענע האַנט
רוקט אַ טיר פאַנאַנדער...
דריקט זיך שמייכלענדיג אַריין אין קנויל
אַ דין יונג מיידעל,
מיט אַ הענגעל מאַי אַרויפגעשטאָכען אויף איהר יאַק.
און די הורבע נעהמט זיך ווידער וויעגען
מיעד און אויסגעלאָשען,
ווי באַקלאָגענדיג אַ טויטען,
און אין מיט דאָס דינע מיידעל
מיט'ן הענגעל מאַי...

.1919



Subway

An unseen hand shut the door
And imprisoned a throng of people,
Some dunked on benches,
Some hanging on white rings.
The light -- lime falling
On thin transparent fingers
Fresh from the typewriter,
On heavy hard hands
Sweaty from the workshop,
Nacre gloves...
And the throng sways
Back and forth, back and forth,
In a weary, glazed rhythm,
As if lamenting a death...

The throng is shaken,
Collapses in a heap,
Gels.
And the unseen hand
Opens a door...
Smiling, pushing into the tangle,
A slender girl,
A bunch of lilacs pinned to her lapel.
And the throng begins to sway again
Weary and glazed,
As if lamenting a dead perso
And in the middle, the slender girl
With a bunch of lilacs...

1919

## װאָלװאָרטה־בילדינג

אַ רעשט פון טאָג־שגעון שלענגעלט זיך אַהיים,
די אויגען אָנגעגליהטע, די געזיכטער לעהם...
רעדער װערען װיניציג אויף די גאַסען,
אַ שװערער װאָגען ליידיג און געלאַסען
קלאַפּערט איבער׳ן אַספאַלט.
דער אָװענט פאַלט
װי אַ טױטער פליגעל אויף דעם אויסגעמישטען קנאַט
פון ציגעל און צעמענט און דראַט...
פון טומעל װערט אַ מורמעל װי פון שלאָף,
אַ סאָפּען דורך פאַרדריקטע צייהן אין סוף ·
פון אַ דערשטיקט געװיין...
און איבער אַלע מױערען אַליין,
אַ הױכער און אַ גלייכער, גראָ׳ט
דער קאַטעדראַל פון גאָלד־און־אייזען גאָט...

.1920



## Woolworth Tower

A remnant of day's madness wends his way home,
Eyes like hot iron, faces numb...
Fewer wheels in the streets,
A heavy wagon, empty and slow,
Clopping on the pavement.
Evening falls
Like a dead wing on the mixed clump
Of bricks, cement and wires...
The noise sinks to a mumble as in a dream,
Sighing through clenched teeth at the end
Of a stifled sob...
Alone, above all the buildings,
Graying tall and straight,
The cathedral of the gold-and-iron god...

1920

## Broadway

## בראָדװעי

יאָגען אױטאָס, װעגען און טראַמװייען,
פייפלעך פייפען, טרובעס בלאָזען, גלעקער קלינגען,
פילדערט דורך אַ פייערלעשער־װאָגען ,
שלעפּענדיג אַ שװאַרצען צאָפּ מיט רויך.
שאַרען מחנות הויכע פיס,
ברוינע, געלע, פּערל־גראָע, װייסע פיס...
װייסע העלזער, שטיקער אָנגעפּודערט לייב,
שװאַרץ געפאַרבטע ברעמען, בלאָנד־געבלייכטע האָר,
היט מיט גרינע פעדערען,
גלאַנציגע צילינדערס און אַ װירבעל שטרױ־היט,
ברייטע מעקסיקאַנישע סאָמבּרעראָס,
זעלנער־און מאַטראָזען־היטלעך פון אַ טוצען פעלקער,
אַלטע בירגער פון דער נאַכט מיט װאַסערדיגע אויגען,
און גרויסע דימענטען אין שניפּס,
אינגלעך גליהענדיג פון יעדער מיידעל־קוק,
לייט פון אַלע לענדער און פון אַלע זונען,
פון װייַנבערג לעבען שטילען ים,
פון שניי־געבערג, פון ברייטע װייץ־ און קאָרן־פעלדער,
פון הויך־גראָזטע פאַמפּאַס,
פון דאָרט, װאו הונדערט טויזענט שקלאַפען גראָבען



(7)

Rushing cars, wagons, trams,
Whistling whistles, blowing horns, ringing bells,
A fire-truck roars by
Trailing a black braid of smoke.
Masses shuffle their feet,
Brown, yellow, pearl-gray, white bare legs...
White necks, clumps of powdered bodies,
Black painted brows, bleached blond hair,
Hats with green plumes,
Shining tophats, and a whirl of straw hats,
Broad Mexican sombreros,
Soldier and sailor hats of a dozen nations,
Veteran denizens of the night with watery eyes
And big diamond stickpins,
Boys lighting up at every girl's eye,
People of all lands and all suns,
Of a vineyard at the quiet sea,
Of snow-mountains, of broad fields of wheat and rye,
Of high grass pampas,
Of where a hundred thousand slaves
Dig gold out of graves in the earth...

פון קברים אין דער ערד, גאָלד פאַר עמיצען...
צפון־מענשען, דרום־מענשען, פון עראָפּלאַנען און פון שיפען,
איילענדיג צום נאַכט־געיעג פון בבל...
שרייט פון אַלע ווינקלען אַ פאַרשייטע ליכטיגקייט,
גיסט אַ העלער, רוישיגער קאַסקאַד.
און שלאָגט אַרויף צום לעהמיג־געלען הימעל...
קריכען פייער־שלענג אויף הויכע טויערען,
לויפען אויף אַ טורעם דריי פייערדיגע פערד
מיט ווילדען אימפּעט אין דער הייסער נאַכט.
צאַפּט אַ גרויסע פייערדיגע פלאַש
פייער אין אַ כוס,
שפּרינגט פון פינסטערניש אַ פייערדיגע קאַץ
און גראַבעלט מיט די נעגעל
אַ פייערדיגע שפּול...
. . . . . . . . . . . . . . .

.1919



Northerners, southerners, of airplanes and ships,
Rushing to the night bustle of Babel...
A wanton shine screams from all corners,
A bright raucous cascade pours
And sprays up to the clay-yellow sky...
Fire-serpents creep up high buildings,
On a tower three fire-horses run
With wild energy into the hot night,
A huge fire-bottle taps
Fire into a glass,
From the dark, a fire-cat leaps
And claws
A fiery spool...

1919

## סינעמאַ

טויזענט מענשען קאָפּ צו קאָפּ
אין פינסטערניש.
שפּרינגט אַרויס אָקענגען איבער
אַ ווייס שטיק.
ווימעלט אויפ'ן ווייסען שטיק
אַ גרויסע שטאָדט מיט טויערען
און דראָטען און לאַמטערנעס.
אַ ברייטע גאַס און אַנגעפּאַקטע טראָטואַרען,
און מיט פאָהנעס און מוזיק
קומט אַ מחנה זעלנער.
פוסגעהער, רייטער, הינקעדיגע,
משא־וועגען, אַמבולאַנסען,
מיידלעך מיט רויטע צלמים
אויף די ווייסע הויבען.
זקנים אין אַלט־פרענקישע מונדירען
באַהאַנגען מיט מעדאַלען.
לויפט פון העלער הויט די גאַס אַריבער
אַ יונגער מאַן מיט אַ צעשראָקען פּנים,
און אַן אויפגעשטעלטען קאָלנער.
זיץ איך צווישען טויזענט קעפּ אין פינסטערניש

און טראַכט:
אַרבייט אין פאַבריק אַ יונגערמאַן,

## Cinema

A thousand people head to head
In the dark.
Up above leaps
A white clump.
On the white clump, spinning,
A big city with buildings
And wires and lanterns.
A broad street and packed sidewalks.
With flags and music
Comes a procession of soldiers,
Pedestrians, riders, cripples,
Trucks, ambulances,
Girls with red crosses
On white caps.
Old people in old-fashioned uniforms
Covered with medals.
Out of the blue, a young man
With a terrified face and raised collar
Runs across the street.
I sit among a thousand heads in the dark
And think:
A young man works in a factory,

און גײט דערנאָך אַהײם,
און שפּילט זיך מיט זײַן־קינד,
און אײן טאָג ווערט ער קראַנק
און שטאַרבט,
און איבער ווײַטע ימים,
אין ניו־יאָרק,
און אין שיקאַגאָ,
און אין סאַן־פראַנציסקאָ,
לויפט ער נאַכט נאָך נאַכט די גאַס אַריבער
מיט אַן אײַנגעשראָקען פּנים,
און אַן אױפגעשטעלטן קאַלנער...

.1920

Goes home,

Plays with his child,

And one day he gets sick

And dies,

And above distant seas,

In New York,

And in Chicago,

And in San Francisco,

Night after night, he runs across the street

With a terrified face

And raised collar...

1920

זישע לאַנדױ

Zishe Landau

# אין על

כ'הענג אויף א רימען אין על,
מיר פאָרן שנעל. ס'איז הײס, ס'איז ענג.
נאָר הײמלעך איז מיר אין געדרענג
פון ווײַבער און אַנאָנסן.
מײַן בליק לויפט אומעטום אַרום;
פון זאַך צו מענטש, און באַלד צוריק
פון מענטש צו זאַך.
ווי בײַ אַ הונט די נאָז איז וואַך,
און שמעקט און שמעקט,
און זאַפּט אײַן אַלץ, וואָס קומט איר נאָר אַנטקעגן.
און וואָס אין האַרצן איז געלעגן
פאַרשלאָפענערהײט פון יאָרן
איז אויפגעוואַכט געוואָרן מיט אַמאָל.
דער צוג לויפט גיך און הײזער פליִען ראַש פאַרבײַ.
און גראָבע ווײַבער זיצן אַזױ פרײַ
און ברײט צעשפּרײט די פיס
און שמײכלען עפּעס אַזױ זיס,
און קײַען, דרײענדיק דאָס מויל,
פאַרשלאָפן, מיד און פויל;
און אַנדערע — אײן פוס צום צווײטן צוגעדריקט,
און ליפּלעך — דין — — —
אַזױ אײן פוס צום צווײטן צוגעדריקט
און ליפּן אַזױ דין — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
פון היץ ווערסטו שיר ניט דערשטיקט,
די באַן זיך וויגט
אַהער, אַהין,
און וואָס עס מאַכט דיך מיד, ווי פריש געשניטן הײ,
און וואַכיק, ווי בײַנאַכט אַ קינדעריש געשרײ,
דאָס איז דער ריח, וואָס זיך טראָגט פון זײ.

# ON THE EL

I hang on a strap in the El.
The train rushes on, hot and stuffy.
But I'm at home in the crowd
of women and advertisements.
So much to see. I look at the people,
at everything. My eye roams
back and forth, everywhere.
Like a dog, my nose
runs around sniffing:
It's greedy.
*And a whole part of myself*
*that I thought was surely dead within me*
*woke up then.*
The train races on, tenements passing.
Big blobs of women relax
with legs spread
and smile with a yielding sweetness,
their mouths chewing,
drowsy, tired, and lazy;
while others perch, thighs squeezed together,
lips pursed thin—
just like that: thighs squeezed
and lips thin.
You are groggy from the heat
and the train's rocking
from side to side;
but what fills you with sweet languor,
like drowsing in fresh-cut hay
yet alert for a child's cry in the night,
is the fragrance that comes from them.

## Mani Leyb (Brahinski; 1883-1905-1953)

### אויף דער פינפטער עוועניו

אויף דער פינפטער עוועניו, אין אַ ווייסן מויער,
אין אַ ווייסן מויער, אויפ'ן דרייצנטן שטאָק,
נייען מיידלעך און וואַרטן אין דער בלייכקייט פון טרויער,
אויפן פוילן סיגנאַל פונם אָוונט-גלאָק.

נאָר דער גלאָק שלאָפט פויל אין אַ זומפּ פון שטונדן,
און דער טאָג ליגט קראַנק אין דעם שטיין פון ווענט,
און די נאָדלען וויינען און באַוויינען וואונדן,
און דער זייד שאָרכט, שאָרכט אין די מיידלשע הענט.

ווייסער זייד, ראָזער זייד, פיאָלעטער און בלויער,
און די נאָדלען וויינען דין, דין און טויב.
און די זון אויף די פענצטער אין דער בלייכקייט פון טרויער
קריכט אין הייסע זיילן פון גרינעם שטויב.

און די נאָדלען וויינען און באַוויינען וואונדן.
און דער זייד שאָרכט, שאָרכט אין די מיידלשע הענט
און דער טאָג ליגט קראַנק אין די וואונדן פון שטונדן,
איבער מיידלשע הענט, אינם שטיין פון די ווענט.

### On Fifth Avenue

In a white building on Fifth Avenue,
On the thirteenth floor of a white building,
Girls sew and wait in the whiteness of sorrow
For the evening bells lazy ringing.

But the bell naps listless in the thick hours
And the day lies ill in the stone of the walls
And the needles whine and cry the wounds out
And the silk in girls' hands rustles, rustles.

White silk, pink silk, violet and blue;
And the needles whine, deaf and thin.
And on the windows in the whiteness of sorrow
The sun crawls from green dust in hot columns.

And the needles whine and cry the wounds out.
And the silk in girls' hands rustles, rustles.
And the day lies ill in the wounds of the hours,
Over the hands of girls, in the stone of the walls.

# A. Leyeles

1889–1966

67

The poet A. Leyeles was one of the founders of Introspectivism in New York in 1919 and its chief theoretician of free verse. He was a major poet on the American scene in Yiddish, a writer with a rich and precise intellectual Yiddish language, and probably the most interesting and inventive master of verse and strophic forms in modern Yiddish literature. Many of his early views on poetry are discussed in the introductory section on Introspectivism, and excerpts of his critical writings are reproduced in the "Chronicle of a Movement" (see appendix A).

Leyeles was born as Aron Glanz in Wloclawek, Poland (then under Russian rule), and grew up in the city of Lodz, where his father taught in a modern Hebrew school and occasionally wrote for the Hebrew newspaper, *Ha-Melits*. He finished Hebrew school and a Russian commercial school and, in 1905, immigrated to London. He studied at London University and was active in the S.-S. (Zionist-Socialist) party.

At the end of 1909, Glanz came to New York, where he studied at Columbia University, was active in the Socialist-Territorialist party (which strove for a Jewish state outside of Palestine), and participated in the organization of Yiddish schools in the United States. He was among the founders and was a teacher at the first Yiddish school on Henry Street in New York, and helped to build Yiddish schools in Toronto, Winnipeg, Rochester, and Sioux City, Iowa. In 1913–14, he was director of the Yiddish National-Radical School in Chicago and later taught at various institutions of Yiddish higher education. Leyeles was a moving force and cofounder of many Jewish cultural organizations, such as the Workmans Circle schools, the Central Yiddish Cultural Organization, and the World Jewish Culture Congress. In public life he became known as A. Glanz-Leyeles. For many years, he served as president of the international Yiddish P.E.N. Club. He participated in many periodicals and was editor or coeditor of several of them.

From 1914 on, A. Glanz was a staff member of the New York Yiddish daily, *Der Tog* (The Day), where he edited several sections, wrote on political and topical matters, and contributed a weekly column of literary criticism, "World and Word,"



Joseph Foshko: *A. Leyeles*, 1939

in which he reviewed books of Yiddish and world literature. Under various pseudonyms, as well as his own name, A. Glanz wrote hundreds of articles on literary and political themes, repeatedly attacking Stalinist Communism, among others. He was aware of the damage newspaper writing may do to the style of a poet and tried to keep the two domains apart. Nevertheless, his own journalism did rub off on his later writings, especially on his literary criticism and, to some extent, on his poetry.

His first published book was political and was written in German: *Der Territorialismus ist die einzige Lösung der Judenfrage* (Territorialism Is the Only Solution to the Jewish Question; Zurich, 1913). He translated books, poems, and other texts from German, Russian, Polish, and English into Yiddish, among them two volumes of a German book of aesthetics, Broder Christiansen's *Art: The Philosophy of Art*, which had influenced the Russian Formalists, and Leo Trotsky's *The Russian Revolution* (published in installments in the daily newspaper *Der Tog* in 1931–32). He also wrote two ambitious historical messianic dramas, *Shlomo Molkho* (1926) and *Asher Lemlin* (1928), and a drama on the struggle between Stalin and Trotsky. Leyeles was twice awarded the prestigious Louis Lamed Prize for his books of poetry, *A Jew in the Sea* (1948) and *At the Foot of the Mountain* (1958).

In his childhood, Glanz wrote poems in Russian; later, he published Yiddish poems in New York using several pen names. In 1914 the first poems under the name A. Leyeles appeared in the anarchist *Di Fraye Arbeter Shtime* (The Free Workers' Voice) a newspaper with excellent literary taste. From his first book, he was a champion of Modernism. However, in *Labyrinth* (1918) and *Young-Autumn* (1922), tendencies of Aestheticism and Neo-Romantic moods are still strongly felt. In *Rondeaux and Other Poems* (1926), there is a celebration of urbanism, the architectural creations of man, the power of New York, the mystical aspects of time-space, abstraction, rhythm, and symmetry, along with restrained and slightly ironic personal poems of desentimentalized experiences. This volume is also a celebration of form, from various difficult classical strophic compositions that Leyeles "conquered" for the Yiddish language to a whole gamut of free-verse experiments,

including staccato rhythms, dynamic free verse with rich sound-orchestration, and ironic-conversational poems.

Leyeles's next book, *Fabius Lind* (1937), is a complete reversal: here the urbanism is expressed not in hymns to the architecture of New York but in poems of the alienation and isolation of a sophisticated, uncompromising, stubborn individual, along with increasingly pessimistic poems on political themes, all embedded in a kaleidoscopic diary of his objectified alter ego, Fabius Lind, and written in a colorful variety of free-verse and metrical forms. The book opens with two poems looking back to his roots: "My Father" and "My Mother." Rather than nostalgia for a distant, bygone world, these poems express thoughtful ruminations on the sources of his character and lot, as Leyeles registers in Fabius Lind's diary:

> I inherited naive open-heartedness
> From generations of small-town Polish Jews,
> And sharp talk
> From hot-bathed women in my clan.
> A blind June-night mixed it all
> And sent me out—
> With no regard for symmetry.
>
> ("February 7")

As Jacob Glatshteyn summed it up in his essay, "The Figure of Fabius Lind" (*In Zikh*, April 1937),

> Fabius Lind delivers it all as a key to his colorful restlessness and to the tragic reflection of all the knowledge and understanding that he has amassed—not as tatters but as roots. Leyeles constructs the character of Fabius Lind with an amazing dramatic versatility and through the whole tangle of restless, almost catastrophical ten years, he gives us the ultimate, the person at the very bottom, the Fabius Lind who seeks rest in the perfection of stasis, in the calm high noon, in the sated sunniness and in the "ecstasy of the evening sun." He seeks the gelid calm in his "Etude," "Comradery," "Antelopes," in models of cool beauty, and reaches out, in the poem "February 12," to the intimacy of death.

The introduction to *Fabius Lind* contains a bitter settling of accounts with Leyeles's critics and a restatement of the principles of Introspectivism. Indeed, the philistine critics of the newspapers—and, worse, in communist circles—demanded "hymns to two-times-two" and accused him of "knowing": Leyeles *knows* how to write poems, he does not *have to*. (There is a pun in Yiddish: *muz* means "have to, must" and *muze* is the "muse.") Such was the atmosphere of Yiddish mass culture in New York. Leyeles again explains his "anti-emotionalist and anti-rationalist" Modernism: "It is, first of all, an *intellectual* method that wants to feel but, not less—to know." And he proclaims: "Poetry is that which an important poet creates. . . . Between *Labyrinth* and *Fabius Lind* a new standard emerged in Yiddish poetry."

## Aaron Glants-Leyeles (1889-1909-1966)

➤ וואָל-סטריט

ניט אַשורבאַניפּאַל.
ניט אַלעקסאַנדער.
ניט טאַמערלאַן.
ניט באָנאַפּאַרט.
איך —
וואָל-סטריט.
מײַן —
די הערשאַפט איבער טרוקעניש און ים.
ניט מיט רוט.
ניט מיט בלוט.
ניט מיט שווערד
און יאָגעניש נאָך ערד.
איך רעגיר
מיט פּאַפּיר
און מיט געלער בענקעניש.

אַ לענגלעכע געדרייטע הייל
צווישן געקעסטלטע, אײַנגעמויערטע געצן.
די געצן רײַסן זיך אַרויף, אַרויף,
מערן זיך אין דער הייך.
פאַרצערן שפּיצן פון קירכן,
שלינגען זון און הימל.
שמאָל אין דער הייל,
טונקל און סומנע.

שטיין, שטיין, אומעטום שטיין.
און אונטערן שטיין
דאָס האַרץ,
דאָס קאַלטע בלישטשענדיקע האַרץ
פון אַלע געצן.
אַרום אים,
אין אונטערערדישע געוועלבן,
הינטער אײַזערנע ווענט —
אַן אייביקער, פאַרטאַיעטער ריטואַל.
געלער בליאַסק,
און ציטערדיקע הענט פון כּהנים-גדולים
אין פאָרכטיקער עבֿודה,
אויף אַלטאַרן פון גרויען צעמענט.

די פעלדזיקע שורענגעס
קוקן גלײַכגילטיק, קוקן שווײַגיק,
און שווײַגיק זענען דאָ שטענדיק די מענטשן.
עס צעקײַקלט זיך אַ מאָל מיט געלעכטער
די פינצטערע ערד פון קאַטאַקאָמב.
עס צעשרײַט זיך אַ מאָל דאָס באַגראָבענע האַרץ —
נאָר מענטשן זענען שטיל און ערנסט
אין וואָל-סטריט.

➤ *Wall Street*

Not Ashurbanipal.
Not Alexander..
Not Tamerlane.
Not Bonaparte.
Me—
Wall Street.
Mine—
Dominion over continents and oceans.
Not with whip.
Not with blood.
Not with sword
Or race for land—
I rule
With paper
And yellow craving.

A long, winding cavern
Between boxed, walled-in idols.
The idols strive upward,
Multiply in the heights,
Devour church spires,
Swallow sun and sky.
The cavern is narrow,
Somber and dark.

Stone, everywhere stone.
And under the stone—
A heart.
Cold, shimmering heart
Of the idols.
All around it,
In underground vaults,
Behind iron walls—
Eternal clandestine ritual.
Yellow glimmer,
Trembling hands of High Priests:
An awesome ceremony
On altars of gray concrete.

The rocky rows—
Indifferent, silent.
And silent, the men.
At times, the dark earth of the catacombs
Rolls with laughter.
At times, the buried heart cries out—
But men are serious and silent
On Wall Street.



Adrian Lubbers: *Exchange Alley,* 1929

א. לייעלעס    A Leyeles (1889-1966)

## אין סאָבוויי ➤ *In the Subway*

II

Rush Hours.
יעדער צאָל איז פאַרפּילט.
יעדער צאָל שעלט די געזעצן פון רוים.
קוים וואָס מען קאָן אָטעמען.
און ערגער פון אַלץ די הענט.
האָבן זיך ניט ווו אַהינצוטאָן.
הענט קריכן.

פיס שאַרן.
מענער. פרויען.
אין גרויען, עלעקטריש-געלן ליכט
וויגט זיך לאַנגזאַם, וויגט זיך פלינק,
וויגט זיך לינקס, וויגט זיך רעכטס
דער שווער-אָטעמדיקער, באַוועגלעכער געפלעכט.
איין חיה —
טויזנט שונאים.
איין פנים —
טויזנט פיס און הענט.
ברענט און ראַצט דאָס ליכט.
ברענט די שינאה
אויף די געזעצן פון רוים.
ברענט גרוי און רוי
פון מאַן אויף פרוי, פון פרוי אויף מאַן —
אין דער סאָבוויי-באַן.
פלוצלונג ווײַזט פון באַלקן זיך אַ האַנט
און נעמט שטראָמען גאָלדענע דאָלאַרן
אויף דער לעבעדיקער וואַנט אין דעם קאָשמאַרענעם טונעלן-לאַנד
די לעבעדיקע וואַנט —
אַ ציטער.
די וואַנט אַ ציטער —
מענטשן-געוויטער.
הענט ווייסן וואָס צו טאָן.
הענט קלאַפּן.
הענט שפּאַרן.
הענט טאַפּן.
הענט שאַרן.
כאַפּן הענט!
ברענט
אַ שינאהדיקער, מענטשעדיקער קנויל.
אויגן, אויערן — גאַרן.
און די דאָלאַרן
שטראַלן,
פאַלן,
שאַלן
אויף אַ ליגנדיקער, ראַנגלענדיקער, האַסנדיקער וואַנט
פון דער האַנט אויפן באַלקן
אַראָפּ.
קאָפּ אויף קאָפּ.
קנויל אויף קנויל.
גאָלדענער גרויל.

II

*"Rush Hour."*
Each cell is filled.
Each cell curses the laws of space.
No air to breathe.
And worst of all—hands.
No place to hide.
Hands slide.

Feet shuffle.
Men. Women.
In gray, electrically-yellow light,
Swinging slow, swinging nimbly,
Swinging left, swinging right,
A heavy-breathing, moving web.
One beast—
A thousand enemies.
One face—
A thousand feet and hands.
The light burns and grates.
Hatred burns
For the laws of ~~Room~~. space.
Burns raw and gray,
Hatred of male for female, female for male
In the subway train.

Suddenly—from the ceiling—a hand
Pours streams of golden dollars
On the breathing wall in nightmare tunnel-land.
The breathing wall—
A tremor.
Human blizzard.
Hands hurt.
Hands push.
Hands search.
Hands shuffle.
Hands catch!
A hating human tangle—
Ablaze,
Eyes, ears—crave, race.
And the dollars
Radiate,
Roar,
Fall
Upon a sprawling, struggling hating wall—
From the hand on the ceiling
Down.
Head to head.
Tangle in tangle.
Golden horror.

To the station comes
A dead train.
Pierced eyes.
Bloody mouths.
In dead holes—
Golden coins,
Flashing blades,
Dropped by a hand
In a subway train
In the underground
mad-mad-madness.

קומט צו דער סטאַנציע
אַ טויטער צוג.
דורכגעשטאָכענע אויגן.
צעבלוטיקטע מײַלער.
אין די טויטע לעכער —
גאָלדענע מינצן,
בליציקע שאַרפֿן,
וואָס די האַנט האָט געוואָרפֿן
אין דער סאָבוויי־באַן
אויף דעם אונטערערדישן ו ו אַ ן — ו ו אַ ן — וואַנזין.



Joseph Foshko: Illustration to "In the Subway." (from A. Leyeles, *America and I*, 1963)

➤ אין סאָבוויי

III

אין דעם גרויען. ריִרעוודיקן מויער
אַרײַנגעמויערט
איינס לעבן אַנדערן
אַ ווײַס מיידל און אַ נעגער.
ריח פֿון שאַרפֿן מוסקאַט
האַלדזט אַראָמאַט פֿון אַנגסטיקן מיידלשן פֿלאַטער.
דער נעגער דריקט זיך שטאַרקער
צום מיידל.
שוואַרצע בענקשאַפֿט
בענטשט ווײַסע ענגשאַפֿט.

אַ ווײַס מיידל און אַ נעגער.
טרויער
אין דעם ריִרעוודיקן גרויען מויער.
טרויער פֿון דעם יעגער,
וואָס ווייס, אַז ער קאָן זײַן געגאַרטסטן פֿאַנג נישט קריגן.
נישט אונטן אויף די רעלסן רעדלען רעדער.
רעדער ווירבלען, שווינדלען, דרייען
אין אַ שוואַרצן, קרײַזלדיקן, אומגליקלעכן קאָפּ.
(לינטש־פֿײַערן — פֿלאַקער, פֿלאַקער.
שלייף פֿון תּליה — שטײַפֿער, שטײַפֿער).
דער נעגער דריקט זיך שטאַרקער
צו דעם מיידל.

➤ *In the Subway*

III

Walled-in
In the gray, moving wall,
Close to each other,
A white girl and a Negro.
Smell of strong musk
Hugs the flask of a girl,
her fearful flutter.
The Negro squeezes tighter
Against the girl.
Black craving
Blesses white crowding.

A white girl and a Negro.
Gloom
In the moving, gray wall.
Gloom of a hunter
Who knows he will not get his choicest prey.
Not down on the rails do the wheels roll—
The dizzying, swinging wheels whirl
In a black, curled, unhappy head.
(Lynching fires—flaming, flaming.
Loop of a gallows—brighter, brighter).
The Negro squeezes tighter
Against the girl.

Harshavs

➤ שטורעמס און טורעמס

שנייִקע ווײַטן
אויף בערגלעך פֿון ערד.
ווײַסע אומענדלעכקייטן, צעשטערט און פֿאַרצערט אויפֿן שפּיץ פֿון אַ שפּיז,
אויפֿן שפּיץ פֿון דעם טורעם פֿון וואָולוואָירס.
"ווּ זענען די פֿאַראַיאָריקע שנייען?"

Villon, מײַן ברודער, Maître Villon
דו האָסט ניט געזען
דעם טורעם פֿון וואָולוואָירט
אין אַ שטורעם פֿון שניי.
דו האָסט ניט געזען דעם אינטראָספּעקטיוון צייכן,
וואָס צעמענטענע הייכן מיט טויזנט עלעקטרישע שטערן
(יעדער דאָס מזל פֿון אַ העלאָיז, אַ בעאַטריטשע, אַן אַליס)
שפּיזן אַרײַן אינמיטן פֿון שנייען,
אין מיטן פֿון מענטשן, רעלסן, אויטאָמאָבילן.
דו האָסט נאָר געוווּסט, אַז אייביק איז דער ווילן,
וואָס פֿאַרווייט די שנייען פֿון פֿאַראַיאָרן.
אייביק דער זכּרון, וואָס געדענקט זיי.
אייביק די האַנט וואָס זייט ווײַסקייט אין דער וועלט.

אַזוי ווייס איך,
אַז אייביק איז די האַנט, וואָס בויט טורעמס,
און אייביק דו און איך —
די געדענקער,
די ווייסער,
די שאַפֿערס.

➤ *Storms and Towers*

Snowy expanses
On hills of earth.
White endless spaces, broken and absorbed on the point of a spear,
On the peak of Woolworth Tower.
"Where are the snows of yesteryear?"

Villon, my brother, *Maître Villon*,
You did not see
The Tower of Woolworth
In a storm of snow.
You did not see the introspective sign,
Which spires of concrete with a thousand electrical sparks
(Each—the star of a Heloise, a Beatrice, an Alice)
Thrust into the thick of snows,
Among masses of people, rails, automobiles.
You only knew, that eternal is the will
Sweeping away the snows of yesteryear,
Eternal, the memory which remembers them,
Eternal, the hand sowing whiteness in the world.

And so I know,
That eternal is the hand that builds towers,
And eternal, you and I—
The rememberers,
The knowers,
The creators.



Georgia O'Keeffe: *Radiator Building, Night, New York*, 1927